Straße. Hier wohnten immer die Schochtim[37], Dudi Schochet[38], und dann sein Stellvertreter Pini Schochet, ein Mann mit grundlosem Stolz, den die städtischen Bürger, und insbesondere die Hausfrauen, nicht besonders schätzen, Jossel Schochet, ein feiner und anständiger Mann, bei dem jeden Donnerstag Hochbetrieb war, weil beinahe jede Hausfrau ein Huhn zum Schochet brachte. Die Schächter schächteten die Hühner, ihre Frauen und Töchter rupften sie, und es war betriebsam, noch dazu, wo es nicht selten vorkam, dass die Frau des Schächter etwas verwechselte und der Hausfrau einen Hahn statt des Huhns zurückgab, dann gab es ein Riesengeschrei ... Aber heute, einem Wochentag, ist alles still und ruhig, man kann in Ruhe alles sehen und allem zuhören. Und mein erster Blick fällt auf Dudi Bigels Haus, und auf der Schwelle sitzt seine unglückliche Tochter, "Haigi die Meschuggene", mangelhaft bekleidet und eigenartig lachend. Da hörte man auch schöne proletarische Lieder aus dem Haus von Wolf Israel Zirel, wo seine zwei Schwiegersöhne wohnten, die Schneider Awromtsche Arn Kowals und Meir Wowe – sie nähten jetzt Hochzeitskleider für die jungen Leute, die zu Schabbat Nachamu heiraten werden, und die Schneiderjungen hatten ein wenig Wodka und sangen wunderschön.

Ich gehe weiter und da bin ich im Bekleidungszentrum: Am offenen Fenster sitzt Awrom Pa ... mit dem Zwicker auf der Nase und mit der goldenen Uhr an der Kette, die er aus Amerika mitgebracht hat, und er setzt Heftnähte bei Jacken. Ein paar Schneidermädchen sitzen und nähen Kaftane und seine Angetraute Feige Rechil sitzt draußen vor der Tür und wäscht und schneidet junge Rüben für einen Borscht.

Gegenüber auf der rechten sortieren Hersch Tsetsik und seine zwei Söhne gebrauchte Wintermäntel und Jacken, die schon für die Jahrmärkte im Herbst sind.

Ein paar Schritte weiter, und man hört schöne Lieder auch von Neumann, der Werkstatt des Damenschneiders, wo etliche Lehrmädchen saßen und schöne Kleider und Kostüme für junge städtische Hausfrauen nähten.

Da kann ich von Weitem auch ein Gespräch mithören, das Golde die Milchhändlerin, die vor ihrem Haus steht und große schwarze Töpfe ausreibt, mit ihrer Nachbarin Scheindl "der Vorsagerin" führt über die Frage, wann heuer die Feiertage fallen, und Schimschon Einbinder sitzt daneben im Schatten seines Hauses und behaut einen Grabstein.

Gehe ich weiter, steht dort Schloime Gedalje Bäckers Häuschen, welches gerade in dichten Rauch eingehüllt ist und die Nachbarn rundherum sind aus den Wohnungen gelaufen, da sie fürchten, es sei ein Brand ausgebrochen. Aber plötzlich kommt Mordechai Hersch, der Schneider und beruhigt die Frauen auf seine spaßhafte Art. Es ist gar nichts, wirklich nichts! Wenn der Rauch zu Boden gedrückt wird, gibt es bei Nacht Regen, und morgen gibt es dann billige Gurken.

Indem ich jetzt den kleinen Anstieg hinaufgehe, der zur Badgasse führt, begleiten mit bewegende Lieder, die aus dem Häuschen von Boruch Israel kamen, gesungen von den Mädchen, während sie auf ihren Singer-Maschinen steppten, und das Rattern des Rades, mit dem der Strickdreher Welwl dicke Seile fabrizierte.

*

Nun bin ich in der Badgasse angekommen, einer lebhaften Gegend, denn die meisten Frauen sitzen auf den Hausbänken und führen laute Gespräche, da hört man Stimmen aus Goljes Häuschen, wo Golje eine Unterhaltung mit Jehudis Schalaganeche führt, die man noch einige Gassen weiter deutlich hören konnte.

Plötzlich kommt von der Bad-Hilnitse unser Stadtnarr Jehuda Dow, der von seiner Schlafstation (dem Bad) zu seiner Tagesstation (die alte Klaus) ging, und eine Armee kleiner Buben läuft ihm nach und lärmt: „Schkwarkes, Schkwarkes! Beim Pfarrer Schkwarkes“39. Und Jehuda Dow nimmt einen Stein, läuft ihnen nach und schimpft und schreit: Nichtsnutze!

---

[37] „Schächter“ heißt auf Hebräische *Schochet*, Plural *Schochtim*

[38] Bzw. „Dudi der Schächter“. Berufsbezeichnungen wurden oft wie Familiennamen gebraucht.

[39] Schkwarkes: vermutlich der Name des Pfarrers.

Bankerte! Die Szene wiederholt sich mehrfach, bis der alte, halbblinde Jehuda Dow müde wird und zu weinen beginnt, wie ein Kind.

Da kommt auch schon Mendel Schames, vertreibt die Buben, nimmt Jehuda Dow bei der Hand und führt ihn in die Klaus, wo der Rebbe Mosche Bereles, der seinen Cheder in der Klaus betrieb, ihm öfter mal einen Schluck Wodka gab, der von einer Jahrzeit[40] geblieben war.

Und nun stehe ich vor unserer städtischen "Badeanstalt", wo jeden Freitag und vor Feiertagen es lebhaft zuging, denn fast jeder Hausherr im Städtchen ging hin, um sich zu Ehren des Schabbes oder der Feiertage zu reinigen, und vor allem die, welche gerne mal ordentlich schwitzten, wie zum Beispiel Großvater Herschales, Mordche Winter, Chone Parile, Meir Golus und andere fühlten sich im Bad wie der Fisch im Wasser. Aber heute, an einem Wochentag, ist es im Bad still und ruhig. Nur ein übler Schwefelgeruch dringt heraus, da einige unserer Stadtbürger und ihre Frauen, die an rheumatischen Schmerzen litten, unser Bad in ein Pistian verwandelten, soll heißen: Sie kauften bei Efraim Steinback um fünf Kreuzer Schwefel, Iwan der Bad-Goi löste den Schwefel in heißem Wasser und machte ein Schwefelbad. Diese Schwefelbäder halfen aber dem Bader und dem Bad-Goi aber im allgemeinen weit mehr, als dem Patienten, für den sie meist gänzlich wirkungslos blieben ...

[40] Yahrtzeit (Jahrzeit): Todestaggedenken

**ORIGINALTEXT** *Sefer Budzanow , Haifa 1968 Israel Morgenstern-Schiffman: Budanov, wie es war*

ישראל מארגנשטערן־שיפמאן

ניו־יארק

# בודזאנאוו, ווי ס׳שטייט און גייט

אין א שיינעם זומער פרימארגן, אנקומענדיק אויף דעם וועג פון וועָר־באָוויץ, באגלייט פון א נאטור־קאנצערט, א געמיש פון פאסטוך־לידלעך מיט א געטרילער פון וואלד־פייגעל, אויך פון מחיהדיקע ריחות, וואס האבן זיך געגאסן רעכטס פון גראף באוואראווסקעס קאניטשינע פעלדער און לינקס פונם קאסאווער וואלד, האב איך מיך דערנענטערט צו דער שטאט־גרעניץ, „די רעגאטקע״. און ווער געדענקט נישט די רעגאטקע! א שטיבל אין קאסאווער וואלד, נישט ווייט פונם שטראם אין וועלכן ס׳האט געוווינט די רעגאטניטשקע, אן אלמנה מיט עטלעכע קינדערלעך. איר חיונה האט זי באצויגן פון רעגאטקע־געלד, דאס הייסט, ווען א בעל עגלה האט געוואלט אריינפארן אין שטאט, האט ער געמוזט באצאלן 3 קרייצער רעגאטקע־געלד און ווארטן ביז די רעגאטניטשקע האט אים אויפגעמאכט דעם לאנגן דראנג, וועלכער איז געווען איבערגעלייגט אויף דער גאנצער ברייט פונם שטראס. וואס איז געווען די אייגענטליכע רעגאַטקע.

גייענדיק אביסל ווייטער בין איך שטיין געבליבן אויפן שפּיץ בארג און אראפגעקוקט אויף דעם שטעטל. איך האב עס אבער נישט געקאנט זען ווייל, ווי איר ווייסט, איז אונזער שטעטל געלעגן אין טאל ווי אין א טאפ און די געדיכטע מראקע (נעבעל), וואס האט דאמאלס געהאנגען אין דער לופט, האט דאס שטעטל צוגעדעקט ווי מיט א פאקרישקע. די מאמע־נאטור האט מיך נישט געלאזט ווארטן און די מראקע האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבן און זיך צוגאנגען, און איצט האט זיך פאר מיר אנטפלעקט א וואונדער־שיינע פאנאראמע, וועלכע האט פארכאפט דאס אויג

קודם כל האט ארויסגעשיינט דער סימבאל פונם שטעטל דער סערעט, וועלכער האט זיך מאיעסטעטיש געשלענגלט זיין אייביקן וועג, קומענדיק פון יאַנאָוו און גייענדיק קיין סקאָמאראק, און צו ביידע זייטן די שיינע און גלייכע סטאַוויסקע־פעלדער, וועלכע האבן זיך געשפרייט ווי שיינע טעפּיכער. און די זאנגען פונם האלב־רייפן ווייץ און קארן, געגלעט פון א מילדן ווינטל, האבן זיך געבויגען און געשאקעלט ווי זיי וואלטן תפילה געטאן צום וואסער...

— 13 —

דאן א בליק אויף די גוישע גאסן, די פאלווארקעס „זאזאמטשע“, „לאפאיאווקע“
און „זאוואלקע“. וועלכע האבן זיך געווארפן אין אויג אריין, ווייל זיי זיינען
געווען אנגעטונקען און באדעקט מיט ווייסן צוויט פון עפל און בארן ביימער,
ווי מיט א געדיכטן שניי. — באטראכטנדיק און זיך געזעטיקט פון דעם שיינעם
נאטור בילד, האב איך לאנגזאם אראפגענידערט דעם הויכן בארג. באגעגענדיק
שוין היימישע פויערים מיט ברייטע שטרויענע קאפאלושן און קאסעס אויף
די אקסל, וועלכע האבן געגריסט מיט א פריינדלעכן „דאָבּרעי דען“. אינמיטן
פונם בארג לאזט זיך הערן א יידישער „גוט מארגן“: דער איז געקומען —
איר וועט לאכען — פון צוויי צאפעס, קנה פאביש צאפס צוויי זין, שלמה
און אברהם, וועלכע האבן שוין געשפאנט גאנץ פרי אין דארף אריין קיין
ראמאניווקע אויף א גאנצער וואך איינצוהאנדלען לאדענקעס מיט פאלאיקעס
און א פאר האזנע פעלעכלעך, פון וועלכן מסחר זיי האבן געצויגן אן
ארימע חיונה. אראפקומענדיק דעם בארג טיפער — נאך א פריינטלעכער
„גוט מארגן“ מיט א גלייכווערטל: דאס איז געווען „ישראל קאנאניק“, וועלכער
איז געפארן מיט זיין איינשפענער קיין לאסקאוויטש צו גראמניצקין אין
הויף אריין צו קויפן עטלעכע בהמות. מיט אים פארט אויך מיט חיים משה
שטאקמאן, דער „דאמסקע שניידער“, וועלכער האט געדארפט אנמעסטן א
קלייד גראמניצקיס פאָקאָיאָווע.

*

און אזוי גייענדיק האב איך דערגרייכט דעם אייגנטלעכען ישוב פון
אונזער שטעטל, די „גוי'שע גאס“: שטיבלעך מיט שטאלן, וואס האבן זיך
געצויגען צו ביידע זייטן פונם שטראס. אין די גערטנער האבן די גויטעס שוין
פלייסיק אונטערגעשארט די באבאלעס און קיקוריזעס און קליינע שיקסלעך
האבן געטריבן טשאַטעס מיט גענז אין בארג אריין צו פאשען.

דא ערשט האט מיך ארומגענומען א פארפיומירטע לופט, וועלכע האט
געקוואָלן פון די ארומיקע פרוכט־סעדער און האט מיך ממש באַרוישט. פארטראכט
און הנאה האבנדיק פון דער לענדלעכער סביבה, בין איך שוין ביי לייב־אשר
דעם בלינדענס הייזעל, און אָט קומט טאקע ארויס לייב־אשר מיט זיינע ווייס־
גלאצידיקע אויגן. מ'האט געקענט שווערן, אז ער זעט א האלבע וועלט און
ווי איך זאג נאר ארויס „גוט מארגן ר' לייב אשר“, האט ער מיך גלייך דערקענט
אין דער שטימע און שוין ארויפגעלייגט זיין לינקע האנד אויף מיין רעכטן
אקסל און געזאגט: איך גיי מיט אין שטאט אריין צו משהלע מאטי מאירס.

איך דארף פאסן טאטין. דערציילנדיק מיר פארשיידענע נייעס (דאס האט לייב אשר געוווסט מער ווי צען זעענדיקע) זיינען מיר שוין צוגעקומען צו דער בריק.

דא האט זיך שוין געדרייט חיים וווויטשיק פאר זיין הויז, געריכערט א קליין שטיקל ציגארעטל, וועלכעס האט אים שוין ממש פארברענט די וואנצעס און געטראכט וועגן א כשרע מציאה, אפשר וועט השי״ת צושיקן א וועגעלע תבואה מיט א ביליקן פרייז. און אט קומט אָן רעכטס, פון דער קריטשע־זייט איציק דער בלינדער. און לינקס פון סטאוויסקע־זייט מענדי יאנקעלעס. וועלכע גייען אין שטאט אריין. זיי נעמען פון מיר צו לייב־אשרן און איך אליין בלייב שטיין אויף דער בריק און קוק ווי יאוואַרסקאלע שטייט אין משה־אהרנס גארטן און כאפט פיש. ווארטענדיק עטלעכע מינוטען, אט ציט ער ארויס ד׳י סיטקע פונם וואסער און דארינען האט געצאפלט א שיינע גרויסע מארינע.

איצט גיי איך פארזיכטיק אריבער די שוואכע בריק (ווייל די שטארקע קרע פונם לעצטן ווינטער האט זי אביסל צעטרייסלט) און פאר מיינע אויגן ברייט זיך אויס אין איר פולסטער פראכט דעם „פעטער נטעס״ פּאַסעסיע. „די קעמפע״, וועלכע איז צו דער צייט געווען א גן־עדן פאר די ארימע וואסער־פירער — פערדלעך, שטאטישע ציגען און צאפעס, גענז און קאטשקעס, און ווער שמועסט פארן יונגוואַרג, וועלכע האבן דא אויפגעפירט פארשיידענע שפילן און טאקע גלייך געקענט באדן און שווימען.

*

אנגעזעטיקט זיך מיט דעם בילד פונם סערעט און קעמפע האב איך אנגעהויבן אריינשפאצירן אין שטעטל גופא: דא האבן זיך שוין געיאוועט בילדער פון שטאטישן כאראקטער. א בליק אויף לינקס — פארפארט א דזוויניע־טשער גוי מיט א וואגן אויסגעבעט מיט א גוטן שטרויענעם זיץ צו בנימין יוסי רופא׳ס. הויבט אפ דעם קאפעלוש און בעט, אז דער פאן דאקטאר זאל ארויספארן צו א חולה. ווייטער נעבן ישראל מענדעל ניסנס הויז שטייט א וועגעלע און ארום עטלעכע פערד, וועלכע ישראל מענדעל האט בדעה צו פירן קיין גאַראַסטקאָוו אויפן יאַריד. אויף דער רעכטער זייט שטייט יאנקעל טאבעל׳ס אויף דער שוועל פון זיין געוועלבל, די הענט אין די ארבל אוןווארט אויף קונים. אקעגנאיבער שטייט שטאלץ שלמה קאטלער אויף א לייטער, טאראבאנעוועט מיט א גרויסן האמער אין א גרויסן קופערנעם בראנפן קאטקע.

וועלכע ער פאררוכט פאר דער כאמעקיוועקער גוראלניע (בראנפן) ; און ווידער, רעכטס, שטייט שוין די אשת חיל גאלדע האמער מיטןברייטן פארטוך און דעם גראבן בונד שליסל און וועגט אפ א וועגעלע תבואה, וואס א לאסקאָוויטצער גוי האט גראד געבראכט אויפן חוב. גלייכצייטיק מיטן סוחרשען בליק געזען ווי א גוי פארפארט צום ברעטער סקלאד, האט זי אראפגעשריען : „יא זאראז פרעידו“ (כ׳קום באלד).

גייענדיק ווייטער האבן זיך געלאזט הערען דאס קלאפן און זעגן ביי לייזער און יאנקעל סטאָליאר, וועלכע האבן שוין פלייסיק געארבעט די שיינע סקרעניס פארן לאשקיוויצער יאר יאריד. אט שטייט לייביש פראדעס ביי זיין הויז און קוועטשט אויס א גרויסן ווארעק קעז פון וועלכן ס׳רינט א גרויע סערוועטקע. און אט איז א לעבעדיקע סצענע : אויפן פריקרע בערגל, נעבן קאסאווער קלייזל, שטייט שאיע וואסער־פירער מיט זיין געשפאן, באלאדן ביט א פאס וואסער און שרייט מיט הויכע קולות צום שקאפקעלע : וויאָ, וויאָ, וויאָ ! און דאס ארימע פערדל, נעבעך, שטעלט זיך אויף די קני און ס׳קאן בשום אופן נישט ארויפשלעפען די שווערע משא. ווי געוויינלעך, האבן זיך אנגעזאמלט א בינטל פארבייגייער און געקוקט אויף דעם שוישפיל. אט קומט ארויס פסח העסעל אין דער יארמעלקע מיט דער פען אונטערן אויער און שרייט אראפ פון זיינע הויכע טרעפ : שאיע, לאזט געמאך דאס ארימע באשעפעניש. ס׳איז דאך א צער בעל חיים. און טאקע באלד קומט אָן ברוך מאיר בעל־עגלה מיט זיינע צוויי סוסים ווי די לייבן, וועלכע ער האט גראד געפירט פלאוועז, שפאנט זארעס צו א פערד צו שאיעס וועגעלע, א מאך מיט די לייצן און דאס גאנצע געשפאן שטייט אויפן גלייכן וועג... .

איצט וויל איך מיך בעאיילן און ארויפגייען אין מארק וואס שנעלער. איך מוז ווידער איינהאלטן מיינע שריט, ווען ס׳לאזן זיך הערען די אנ־גענעמע נגונים, וועלכע האבן זיך געטראגען פון די ארומיקע חדרים : רעכטס, פון ברוך קויליטשעס שטיבל, וועלכער האט מיטן קאנטשעק אין דער האנד געקנעלט מיט א טרץ תלמידים פרשה חומש. לינקס, דער אביי ורבא ניגון, ווו שייקעלע מלמד האָט געחזרט מיט זיינע תלמידים דעם שיעור און עטלעכע הייזער ווייטער פון משה שלום לייבס שטיבל — דאס לערנען דעם „המדבר“ (דאס מאדערנע העברעאיש), אויך לעהמאנס דייטשע גראמאטיק (דעם „איך, דו, ער, זי, עס“). די אלע געמישטע נגונים זיינען אבער פארהילכט געווארען דורך דעם קלאפן און האמערן פון די שכנותדיקע בלעכערעס (פייביש און

בודזאנאוו. ווי מ׳שטייט און גייט

ליב בלעכער), וועלכע האבן פאבריצירט פיטניס מעלק־שעפעלעך און פאר־שיידענע באניקעס פארן דאנערשטיקן יאריד.

עטלעכע שריט בארג־ארויף און איך שטיי שוין אויבן אויפן קארנער ביי חיים אשכנזיס אפארטמענט־הויז, ווו אין פראנט האט געוווינט חיים זייגערמאכער, וועלכער איז געווען, כאטש קליין אין וואוקס, אבער א גרויסער קינסטלער אין זיין פאך. אויף דער אנדערער זייט האט מלכה אשר זעליגס געהאט איר שענק, און ריקווערטס, אין הויף, האט משה בעקער געהאט זיין בעקעריי, ווו ער און זיינע בעקער־יונגען האבן געבאקן ברויט, זעמל און בייגל, דערביי געזונגען און געמאכט שפאסן; ס׳איז דארט תמיד געווען פריילעך.

איצט גיי איך אריבער דעם שטראס און שטיי ביי שמואלצע וואגשאלס מויער, ווו איך האב געקאנט זען די שול, דאס בית המדרש און די קלויזן, ווו יידען באלאדן מיט תפילין־זעק גייען און קומען פונם דאווענען.

איך לאז מיך איצט אריין אין דער מארק־גאס צום רינגפלאץ און אט זע איך אויף דעם לינקער זייט נעבן שבתי שאפירא שטייט אשר גאדעלס מיט זיינע פערד־און־וואגן און לאדט אויף טריקענע פעל, וועלכע ער פירט קיין סטאניסלאוו. עטלעכע הייזער ווייטער שטייט אונזער קולטוס־פארשטייער „זיידע הערשעלעס” אויף דער שוועל פון זיין געוועלב און קוקט מיט זיינע שטארק קורצזיכטיקע אויגען נאך קונים. איבערן שטראס אויף דער רעכטער זייט שטייט יוסי־בער־העניך לאקאוועס אין זיין שניט־געוועלבל, לייזט נישט קיין געלט, אבער א שפאס און א גלייכווערטל האט ער פאר יעדן פארבייגייער...

★

און אזוי בין איך צוגעקומען ביז צו אשר־מאלע־האמערס הויז, ווו ס׳האט זיך אנגעהויבן דער אייגנטלעכער מאַרק, און טאקע דא, כאטש אין א וואכנטאג, שטייען עטלעכע גויעטעס האלטענדיק שיין אויסגעקארבטע קרושיקעס פוטער איינגעוויקעלט אין לאפוכעס (גרינע גרויסע בלעטער), צו פארקויפן און יצחק טאמבער (דער פוטער־איינקויפער פאר די פריצים) פינטעלט מיט די אויגן און גייט פון איין גויע צו דער אנדערער, פרעגט דעם פרייז און האנדעלט.

לינקס איבערן שטראס איז דער „פארלאג”, ווו ס׳הערשט א לעבעדיקער פארקער. אונטערן קאנטער שטייען משהלע און ברײנדע מאטי מאירס און

באדינען פלייסיק די קונים, וועלכע גייען אריין און ארויס און פארלאנגען רויך ארטיקלען, ווי צום ביישפיל: 4־ער, 8־ער, 13־נער, טאטין, אויך דראמא־שפארט־דאמען און דאמעס ציגארעטן; שמעק־טאבאקי צו איין־און־האלב גריי־צער א דעקא; קארטלעך און פאסטמארקן און סטעמפלען פאר קלאגעס און געזוכע, וועלכע ביזנעס זיינען געווען פארעכנט פאר די בעסטע אין שטעטל. אין דרויסן, אויף דער פיצוני, שטייען הערש מגיד, געציל שניידער און בערצאַלע און באטראכטען דאס שילדל מיט די לעצט־געצויגענע לאטעריע־נומערן און מאכן דערביי זויערע פנימער, ווייל די געווונשטע טערנאס האבן נישט איינע־טראפן... בערציאלע טרייסט זיך אבער אויף זיין אלטן שטייגער, אז ער וועט זיך דערווייל לייען ביי מאטי מאירן א גמילת חסד...

שפאצירנדיק ווייטער, אט שטייט משה לאנדמאן מיט א גרויסן בערעזענעם בעזים אין זיין האנד און קערט די פיציני פון זיין הויז און קריגט זיך אויפן הויכען קול, ווי ער האט געקאנט, מיט די גויעטעס, וואס זיינען געזעסן ביי זיין הויז און פארקויפט גרויפען — פארוואס זיי מאכן אזא מיסט. עטלעכע שריט ווייטער און ס'הייבט זיך אן דער רעש און געטומעל פון די מארק־זיצערס. פלוצים לאזן זיך הערן קולות: „א קאזע! א קאזע, א קאזע, א קאזע" — דאס איז געקומען פון דער ראכמילעכע, וועלכע האט אקארשט געכאפט א געשמאקן שמועס מיט איר ביזנעס קאנקורענטקע מייטען (ביידע זיינען געזעסן מיט ברויט, זעמל און בייגל צו פארקויפן). דאס האט אויסגענוצט חיים שלאפס ציג און האט אראפגעכאפט פון דער ראכמילאכעס שטעל א געפלאכטענעם בייגל... די ארעמע יידענע איז נעבעך נאכגעלאפן דער ציג ביז צו דער מארק־קערניצע, אבער אומזיסט, די ציג איז געווען שנעלער... און אט גייט אן א מויל־געפעכט צווישן ישראל עפעלע־בחור און זיין פלונית'טע דבורה גיטל פון איין זייט און קהת מאיר און זיין ווייב לאנע פון דער אנדערער זייט; דער רוגז איז, פארוואס קהת מאיר פארקויפט די ציבעלעס מיט א גראצער ביליקער אויפן קילא.

אט שטייט נחומצי קצב ביי זיין הויז, פארקאטשעט די ארבעל, צונעמט א קאלבס פריידיק אויף א גרויסן קלאץ, האקט פלייש פאר די באלאבאסטעס און רופט אויס אויף קאמאנדא לשון פון דעם אבערסט רעדל, דעם טראנפאלגער פראנץ פערדינאנד ביז צו זיינע מאיעסטעט קייזער פראנץ יאזעף און מישט אריין עטלעכע ענגלישע ווערטער, ווייל ר' נחומצי איז ערשט נישט לאנג געקומען פון אמעריקא; ביי זיין זייט אויף א טישל מאכט זיין פלוניתטע אסתר א גראנשעל, אויף וועלכן לאה די קרומע ווארט שוין. דאנעבען זיצן נאך דער רייע: שפרה די קאוואלעכע, מיט א קיישעל האלב רייפע קארשען,

פארקויפט א גראצער א האלבע קווארט מיט א גרויסן פראטשינעק; שרה מלכה מיט א שטעל פון פארשידענע אויבסטן און שרייט: וואלוול ווייבער! וואלוול ווייבער! און צו שלום — חיים ליבערס מיט א ציבער קוואסניצעס, א גראצער א שטיק און א גלעזל קוואס א צוגאב.

עטלעכע שריט ווייטער און דא הייבט זיך אָן א שורה מיט גויעשע מארקיזיצערס, וועלכע האבן געבראכט פון די גוישע גאסן זייערע אייגענע פראדוקטן צו פארקויפן, ווי: גרינע ציבעלעס און קנאבל, רעטעכלעך, בעריקלעך, יונגע פאסאליס, אייער און יונגע באבאלעס, ווו באלאבאסטעס האבן געזוכט און געקליבען און זיך געדונגען דאמיט דער איינקויף זאל קאסטען א פאר גרייצער ווייניקער. און אט הער איך טאקע ווי ביילע־הינדע, דוד בלעכערס ווייב, ווערטלט זיך מיט משה ארשקי דריניק (ברוינשטיין), פארוואס ער האט ביי איר אויסגעקויפט א קויבערל יונגע קארטאפלעס.

✶

און אט האב איך דעם גאנצן מארק מיטן געטומל אונטער מיר און איך שטיי שוין ביי שמואל פראדעלס הויז; אריבערגייענדיק דא דעם שטראס פון דער קלויסטער־גאס האב איך טאקע געזען די גרויסע „צערקווע" מיט איר שיינער קופעל און דעם ריזיק גרויסן גלאק, מיט וועלכן די גוים האבן שטאלצירט, ווייל דער גלאק איז געווען דער גרעסטער אין דער געגענט און אויף וועלכן מ׳פלעגט צו קלינגען נא־גוואלד חלילה ביי א שריפה. איצט בין איך ביי מאטי ליניאלס הויז, ווו איך וויל אריבערגייען דעם מארק־שטראס. אבער איך מוז אכטונג געבען, ווייל דער פארקער איז דא א לעבהאפטער אט פארט משה מחלהס מיט א וועגעלע פארשוינען קיין טרעמבאוולא צום צוג. פון אויבען קומט גראד אן א בריטשקע געשפאנט מיט 2 שווארצע קוציקעס (פאניס), אין וועלכע ס׳זיצט דער דאקטאר ברילינסקי פון יאנאוו, וועלכן אונזער קליינער דאקטאר גליקסמאן האט ארויסגערופען צו א שווערן חולה צו האלטן א קאנסיליום.

איצט לויף איך אריבער דעם שטראס און שטיי נעבן דער לאכטער־מאכערינס הויז, ווו בערל דעם שטימענס האט געהאט זיין בודקע (צוקערניע), ווו דורך די פענצטער האט מען געקענט זען פארשיידענע באבאנעס און צוקערקעס און דאס קליינוואַרג האט תמיד אריינגעקוקט מיט אפעטיט, אבער קיין גראצער נישט געהאט צו קויפען...

איך לאז מיך גיין ווייטער. אויף אמאל לאזן זיך הערן קולות פון „אליהו געצילס״ הויז, ווו חיה־רייזל קומט ארויס און ברעכט די הענד. וואס איז געשען? א כאפטע קאביוואליקער און מליניסקער גוים, וועלכע האבן געהאט א טערמין (טרייל) אין געריכט, האבן זיך אנגעשיכורט און האבן זיך געשלאגן, און חיה־רייזל, נעבעך, וועלכע איז גראד געווען אליין אין הויז (ווייל ר׳ אליהו און דער זון געצעל, די שפעטע הוסיאטינער חסידים, זיינען נאך געווען ביים דאווענען), האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבען. די קולות האבן זיך געטראגן ביז צו די יאטקעס, ווו די בני ישראל יאנקעל האבן געהאט פלייש פאר די ווייבער. באלד אוועקגעלייגט בארדע און מעסער, אריבערגעלאפן און אנגעבראכן די קאביוואליקער רשעים די ביינער, אז זיי האבן געהאט צו געדענקען, און ס׳איז געווארן רואיק.

שפאצירנדיק ווייטער לאזן זיך פילען אנגענעמע ריחות פון איסר שפיגלס הויז, פון די געשמאקע זעמל און קיילעטשלעך, וואס מייטע האט געבאקן. און אט שטייט מאלע פראדעלס אין שיך אין זאקן ביי זיין הויז און טוט א געשמאקן שמעק טאבאקע און דענקט א ודאי פון סטרעטין.

פלוצים דערפיל איך א קניפ אין מיין בעקל! דאס איז געקומען פון אהרן מאיר לייבס, וועלכער איז געשטאנען פאר זיין הויז, גערויכערט א מעטער־לאנגע לולקע־ציבאק און דערביי געניסט ווי א קאזע.

עטלעכע שריט ווייטער איז יהודה מענדעל העלער׳ס הויז, ווו די יהודה מענדלאכע איז געשטאנען אין איר שניט געוועלב און האט באדינט עטלעכע קריסטלעכע קונים. אויפן ברייטן טויער פונם הויז איז געהאנגען א שילד מיט דער אויפשריפט „זאקלאד קרעדיטאוויע״, וועלכע האט געוויזן, אז דא געפינט זיך שוצמאנס באנק, ווו יידן, קליינע סוחרים אדער בעלי־מלאכות זיינען נישט איינמאל דורכגעגאנגען חיבוט הקבר, ווייל ר׳ לייביש שוצמאן, דער בעל גאווה, דער וועלטס־חכם (דער רבי נחמיה פרישלענדער פלעגט צו זאגען, אז אין לייביש שוצמאנס מוח קענען זיך אפילו קיין פליי נישט אויסדרייען), וועלכער איז געווען דער ווארט־זאגער אין דער באנק, האט געפאדערט כאטש א ראטשילד פאר א צושרייבער ביי בעטען אן הלוואה פון א פופציקער.

✡

איך גיי ווייטער און אט איז פאר מיר דאס געריכט און שטייער־אמט, ווו ס׳הערשט א רעגער פארקער. יידן און, להבדיל, גוים, גייען אריין און

ארויס. און אט זע איך אנקומען אונזער אדוואקאט לאנדעסבערג און א טשאטשע גויים לויפן אים נאך און ווילן, ער זאל זיי פארטיידיקען. לאנדעסבערג פארשטייט זיינע ביזנעס, פארלאנגט א פרייז און די קליענטען מוזען צאלען.

און אט בין איך שוין ביי משה שוצמאנס הויז. א שיין לאנג הויז, ווי ס׳פאסט פאר א גביר און אט זיצט ער טאקע ר׳ משה אויף דער באנק פון זיין פוצוני און גענֹיצט (דאס איז געווען דאס פארגעניגען פון א קליינ־שטעטעלדיקען גביר...) און ווייסט נישט וואס אנצוהויבען מיט אזא לאנגן זומער־טאג... עטלעכע שריט נאר, אט איז חיים יוסלס הויז, ווו ס׳שטייט די שיינע און ציכטיקע „גליקל״ אויף דער טיר פון איר געוועלבל, ווו מ׳האט סערפ און עפעס צוצובייסן, וואס האט געהאט אלע טעמים. דערפאר האט זי געהאט בעסערע קונים (די אינטעליגענץ). אין צווייטן האלבן הויז וווינט איצי הענדל, ועמען די גויים האבן גערופן „האלאוואטי״ (קאפ מענש), א ייד א חכם און גוטער בעל תפילה; דאוונט אין דער הוסיאטינער קלויז און רעכנט זיך פאר אן עושר.

איצט דערנענטער איך מיך צום דריטן ווינקל פון אונזער רינג־פלאץ און אט בין איך שוין ביי יחיאל מיטשניקס הויז, ווו ס׳הערט זיך דאס אויסקלאפן פון די גרויסע בלעכענע וואגשאלען, מיט וועלכע „מיטיניר״ האט אבגעוויגען עטלעכע קילא ווייצען־ראזעווע מעל פאר א באלעבאסטע און דער פעטער יחיאל בכבודו־ובעצמו קערט די פיצוני און אויך דעם טראטואר, ווייל ר׳האט תמיד ליב געהאט ריין און ציכטיק פאר זיין הויז.

✶

איצט דריי איך מיך אריין אויף דער פערטער זייט פונם רינג־פלאץ און דא קומט אָן פון דער פאסט־ריכטונג דער „היקיוואטער באנאס״, דער בריוו־טרעגער, און טיילט אויס רעכטס און לינקס בריוו און קארטלעך, און ווען איך פרעג אים: „פאני באַנאַס, יעסט צאַס דאַנאַס?״, ענטפערט מיר, דער היקי־וואַטש, כהאי לשנא: „פּ־פּ־פּ־פּי־שאוין״, דאס האט געמיינט, מ׳שרייבט ערשט. אביסל פארשעמט, גיי איך אוועק און שטיי ביי משה חיים בלאנדערס הויז, ווו מאטקעלע משה קנהס האט געהאט זיין אייזן געוועלב און שאול זיסיע קאָוואַל מיטן קאָוואַלסקע פארטוך, שטייט און האנדלט א לאנגע שטאבע אייזן און עטלעכע פאר פאטקאוועס. אין דער זייט שטייען די בנים ישראל איציק און אהרן און פארקויפן צו א טידאריוועך גוי א סיטשקארניע און

דער ערל איז א שווערער קונה. ער וויל סאר א ביליגען פרייז, אז נישט, זאגט ער „יא פאַידאַ דאָ טאַלאַפּא״. דאס האט געמיינט, אז ער גייט צו דער קאנקורענץ, צו חיים טאַלאַפּ, וועלכער האט אויך געהאט סיטשקארניעס צו פארקויפען.

און אט בין איך שוין ביי משה גדליה פייליכס הויז. קומט טאקע ארויס משה גדליה, אן אינטעליגענט דער שטאטישער לערער פון דייטש און פויליש, און אט גיט אים אפ דער בריוו־טרעגער „דאס לעמבערגער טאגעבלאט״ און די „כווילאַ״, א ציוניסטישע צייטונג אין דער פוילישער שפראך, וועלכע ער בלעטערט דורך און לעזט. און אט האבן זיך שוין פערזאמלט א ביסל יידן, וועלכע האבן געוואלט וויסן די לעצטע וויכטיקע נייעס, ווייל ס׳זיינען צו דער צייט פארגעקומען פארלאמענטס־וואלען.

און אט איז די „אראנדע״, א אוראלט לאנג דורכפאר הויז, וועלכעס האט באלאנגט צום גראף באַוואראָווסקי און איז געווען א לעבענס־אדער פונם רינג־פלאץ. ערשטענס, ווייל ס׳איז תמיד דארט געווען די פראפאנאציע, ווו ס׳האט געשוויבעלט פון שכורים, און צווייטענס, האט מען געקענט פריי דורכגיין און אויך דורכפארן און דאדורך פערבונדען דעם רינג־פלאץ מיט דער שול־גאס.

איצט גיי איך פארביי מאַשי באלבאס הויז, ווו מאטי שטייט אין זיי שניט געוועלב און פאקט אויס עטלעכע פאסט־פאקעטלעך מיט פרישע באמבאסע און פערקאלע. וואס ר׳האט ערשט באקומען פון א הארטאוניק און לייגט זיי שוין אריין אין די פאליצעס מיט א געשמאק.

און אט בין איך שוין ביי יעקב־משה בערנזאנס הויז, ווו איציק ראובן האט זיין געוועלבל און א פאפערניא גוי דינגט זיך ביי אים א שטרויענעם קאפעלוש און איך הער ווי איציק ראובן שווערט זיך און זאגט: „זשעבע ערל טאק באַל זדאַראָווע, זשע נעמאַזשאַ, דאס האט געמיינט, דער ערל זאל אזוי געזונט זיין ווי ער קאן נישט נעמען דעם פרייז, וואס דער גוי גיט אים... און פונם הויז האבן זיך געגאסן ריחות, וואס זיינען געקומען פון די געשמאקע פאטראוועס, וואס רבקה פסחס האט געקאכט פאר פרעמדע געסט.

אין הויז ווייטער אן אינטערעסאנטער טיפ. דא זיצט די צדקנית חיה פאליקס נעבן איר בשמים געוועלבל, ווו ס׳איז געווען צו פארקויפן פון פויגלמילך,

דהינו: יאכענפלאסטער, מוטערבלעטער, ליפאווער צווים, צעניס, נעגעלעך און געווירץ און נאך באבסקע רפואות. זי קוקט אריין אין א ספרל.

און אט פארענדיק איך די הקפה פונם רינג־פלאץ און שטיי שוין ווידער ביי אשר מאלע האמערס הויז, ווו דער אלטער אשר מאלע זיצט אין זיין געוועלב און באדינט מיט רעספעקט צוויי געהויבענע קונים פון דער פריצישער געזעלשאפט, און יצחק טאמבער דרייט זיך ארום זיי מיט א בייג און א „פאדאם דא נוג" (כ׳פאל צו די פיס) — אפשר וועט עס טראגן א טרינק־געלד...

✡

איצט, אזוי ווי דאס וועטער איז שיין און ס׳איז נישט קיין בלאטע, איז כדאי אז מיר זאלן כאפן א קוק וואס ס׳טוט זיך אין די הינטער־געסלעך. און טאקע גיב איך מיך א כאפ אריבער דורך משה לאנדמאנס הילניצע און בין שוין אין דער (איך וועל זי אנרופען) שוחטים־גאס. דא האבן תמיד געוווינט די שוחטים דודי שוחט, דערנאך דער ממלא מקומו פיני שוחט, א אומזיסטיקער בעל גאוה׳ניק, וועלכן די שטעטלדיקע בעלי בתים, באזונדערס די באלעבאסטעס, האבן נישט ליב געהאט. יוסל שוחט, א פיינער איידעלער ייד, ווו ס׳האט זיך דאנערשטיק גערודערט און געקאכט, ווייל כמעט יעדע באלעבאסטע האט געטראגן אן עוף צום שוחט. די שוחטים האבן געשאכטן די עופות, זייערע ווייבער מיט די מיידלעך האבן געפליקט, ס׳איז צוגעגאנגען לעבעדיק ובפרט ווי ס׳איז אפט פארגעקומען, אז די שוחטקע האט פארביטען די יוצרות און האט צוריק־געגעבן א באלעבאסטע א האן אנשטאט א הין, זיינען די קולות געגאנגען עד לב השמים... אבער היינט, אין א וואכן־טאג איז דא שטיל און רואיק, מ׳קאן דא רואיק אלעס זען און הערן. און מיין ערשטער בליק איז געפאלן אויף דודי ביגעלס הויז, ווו אויף דער שוועל זיצט זיין אומגליקלעכע טאכטער, „הייגי די משוגענע", מאנגלהאפט באקליידעט און לאכט משונהדיק. דא לאזן זיך אויך הערן שיינע פראלעטארישע לידער, וועלכע זיינען געקומען פון וואלף ישראל צירעל׳ס הויז, ווו ס׳האבן געוווינט זיינע צוויי איידעמס, די שניידערס, אברהמצי אהרון קאוואלס און מאיר וואווע — און האבן איצט גענייט חתונה־קליידער פאר די יונגע לייט, וועלכע גייען חתונה האבן שבת נחמו און די שניידער־יונגען האבן געהאט א ביסל משקה און דערביי ווונדערשיין געזונגען.

✡